# אויפֿן טויט פֿון פּנחס גאָלדהאַר

כ׳וועל נישט לאָזן מײַנע אַקסלען טאָן קיין ציטער,
כאָטש ס׳וויינט אין מיר דײַן פּלוצלינגדיקער טויט.
מיר לאָזן דיך אַראָפּ
נידעריקער־נידער —
מיר וועלן דיך אויפֿהייבן, וועסט אויפֿגיין צוריק ווי ברויט.

דו ביסט געווען דער ערשטער דאָ, דער אָנהייב,
צו קאָרמענען דאָס וואָרט דאָס ייִדישע, מיט אייגן
פֿלייש און בלוט.
און מיר, געקומען זענען מיר ערשט
שפּעטער־שפּעטער,
נאָכצוזאָגן דיר בראשיתדיק: כּי־טוב, ס׳איז גוט.



ווער האָט אין דער פֿאַרוואָרפֿנקייט געשטאַרקט דײַן האַנט?
מיט איובֿשן געדולד — אין איינזאַמקייט גענערט? —
ס׳וועט נאָענט שוין זײַן צו אונז, אַצינד, דאָס לאַנד,
נענטער נאָך — אוי ווײ — די פֿרעמדע ערד.

נאָר כ׳וועל נישט לאָזן מײַנע אַקסלען טאָן קיין ציטער,
כאָטש ס׳גרוילט אַרויס פֿון מיר די נאַכט.
כ׳ווייס נישט ווער ס׳דאַרף זײַן אַצינד דער היטער,
נאָר איך, נאָכנישט גערופֿענער, וועל שטיין אויף וואַך.

דו האָסט באַוואָרנט מײַן פֿאַרטונקלטן באַגינען,
באַזינגען וועל איך איצט דײַן טויט.
מיר לאָזן דיך אַראָפּ
נידעריקער־נידער —
מיר וועלן דיך אויפֿהייבן, וועסט אויפֿגיין צוריק ווי ברויט.

1947